**גוט שבת אלע אידן.** אמאל איז דער מגיד הרב שלום שווארדרון זצ"ל, געפארן קיין בעלגיע און הולאנד צוזאמענצונעמען געלט פאר די "חינוך עצמאי" קירוב בתי ספר אין ארץ ישראל. איין טאג איז ער ארויפגעגאנגען אויף א באן צו פארן פון אנטווערפן קיין אמסטערדאם. ווען ער איז געווען אויפן וועג צו זיין זיצפלאץ, איז א מענטש פלוצלינג אויפגעשפרינגען פון זיין פלאץ און ער האט געזאגט "שלום!" (ד"ה די גרוס, נישט דעם נאמען) אין א הויכען קול. ר' שלום איז בארוהיגט געווארן צו וויסן ער וועט קענען פארן כאטש מיט איין איד אויפן וועג אין דעם פרעמדען לאנד. ר' שלום האט זיך אראפגעזעצט לעבן דעם איד וואס ער האט קיינמאל נישט געקענט בעפאר דעם אין זיין לעבן, און ער האט באגרוסט דעם איד מיט א ווארעמען "שלום וברכה!"

אפילו דער איד האט נישט אויסגעקוקט אזוי פרום, האט ר' שלום נישט געמאכט קיין חלוק. אדרבה, האט אים ר' שלום מקרב געווען. יענער וואס האט גערעדט א מישינעש פון אידיש און דייטש (ווייל ער האט נישט געקענט רעדן אידיש פערפעקט), האט דערציילט צו ר' שלום אז ער איז געווען א קינסטלער וואס האט געהאט אויך א געשעפט, וואו ער פארקויפט מאלעריי, און ער איז געווען אויפן וועג קיין אמסטערדאם אויף ביזנעס.

יענער איד האט געזאגט צו ר' שלום, "איך בין נישט אזוי פרום ווי אייך, אבער... איך עס נאר כשר'ע עסן! נישט-כשר'ע עסן פארעקלט מיך! נאר די געדאנק פון עסן חזיר פלייש אדער אנדערע נישט כשר'ע פלייש פארעקלט מיך. ווען איך האב דיך געזען אויפן באן, בין איך זייער פריילעך געווארן..." האט ער געזאגט מיט התרגשות אין זיין שטימע. "ווען איך האב אייך געזען, האב איך געטראכט אז לכאורה וועט איר איינשטייען אין א האטעל אין אמסטערדאם וואו מען שטעלט כשר'ע עסן, און איך האב געוואוסט דעמאלט אז איך גיי קענען גיין וואו איר גייט!"

די צוויי נייע חברים האבן געשמועסט נאך אפאר מינוט ביז זיי האבן אויפגעהערט צו רעדן און ר' שלום האט ארויסגענומען א ספר צו מקיים זיין די מצוה פון "ובלכתך בדרך." פלוצלינג האט יענער איד זיך געגעבן א דריי צו ר' שלום ברעכענדיג דעם שטילקייט און ער האט געזאגט, "מיין טאטע איז געווען פרום, זייער פרום!"

"אמת'דיג?" האט ר' שלום געזאגט. "יא," האט דער איד געזאגט מיט א שטאלצקייט. "ער איז אפילו גרייט געווען מוסר נפש צו זיין אויף אידישקייט." "וויאזוי?" האט ר' שלום געפרעגט, (אינטערעסירט איז ר' שלום אייביג געווען צו הערן א גוטען מעשה!) דאן האט דער איד אנגעהויבן צו דערציילן זיין מוראדיגן מעשה...

"אין די צייטן פון דער ערשטע וועלט מלחמה, איז מיין טאטע ארייגענומען געווארן אין דעם דייטשן מיליטער. עס איז געווען כמעט אומעגליך צו היטן תורה און מצוות אין דעם ארמיי. איין מצוה האט ער אבער אפגעמאכט אז ער וועט היטן אפילו עס וועט אים צוברענגען צו א סכנת נפשות. פון דעם ערשטען טאג אין דעם מיליטער, האט ער מקפיד געווען נאר צו עסן כשר'ע עסן. ער האט זיך אויסגעהאלטן מיט פרישע פרוכט און ברויט. ער האט פרובירט צו טון אלעס אין א צניעותדיגע אופן, כדי דער מיליטער זאל אים נישט כאפן. אבער איין טאג האט די אפיצערס געזען אז ער עסט נישט געהעריג.

פארשטייט זיך אז די אפיצערס האבן נישט אזוי פארשטאנען די סיבה פארוואס דער אידישער סאלדאט האט נישט געהעריג געגעסן און זיי האבן אים שטארק געשמיסן. די אפיצערס האבן געטענהט קעגען אים אז ער האט געוואלט זיך אפשוואכן כדי ער וועט נישט דארפן דינען אין מיליטער. יעדען טאג דערנאך האבן די אפיצערס אים געפייניגט. אבער, מיין טאטע האט זיך געהאלטן פעסט, און ער האט ווייטער נאר געגעסן כשר'ע עסן..."

"סוף כל סוף, איז דער דריקונג געווען צו שטארק אויף מיין טאטען און ער האט זיך כמעט מייאש געווען. ער האט געשיקט א בריוו צום קייסער ווילהעלם, דער הערשער פון דייטשלאנד דעמאלט אין די ערשטע וועלט מלחמה צייטן. טאמער די אפיצערס וואלטן געוואר געווארן אז מיין טאטע – דער אידישער סאלדאט האט געשיקט א בריוו צום קייסער, וואלטן זיי אים זיכער געהרגעט.

יעדען טאג האט מיין טאטע געווארט אויף א תשובה אויף זיין בריוו. איין טאג האבן די אפיצערס צוזאמענגערופן אלע סאלדאטן צו קומען שטיין אין שורות אין דעם פלאץ פונעם דעם ארמיי לאגער. ווען יעדער איינער איז געשטאנען אין זיין פלאץ, האט דער גענעראל געזאגט אז מען האט באקומען א פערזענליכע בריוו פונעם קייסער, און יעצט וועט מען ליינען דעם בריוו פאר אלע צו הערן. פאר ער האט אנגעהויבן צו ליינען דעם בריוו, האט דער גענעראל געהייסן אז מיין טאטע זאל ארויסטרעטן פון דער שירה דריי פיסטריט צו שטייען אליינס, ווייל דער בריוו איז געווען וועגן אים..."

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים אין דעם מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. מיר לייענען די וואך וועגן די בכורים, די פרוכט וואס מען האט אפגעטיילט פארן כהן. דער מוסר השכל פון די בכורים וואס איז נוגע צו אונז היינט איז אפשר אזוי: פאר מען עסט, מוז מען עפעס אוועקגעבן פארן רבונו של עולם. ד"ה, דער ענין פון "קדש עצמך במותר לך" (יבמות כ.) אזוי ווי דער של"ה הקדוש איז מסביר "יתענה ויזהר מלאכול לשובע נפשו אפילו דברים המותרים." (מסכת יומא - הלכות תשובה ו) פאר אונז, מיינט עס אפשר אז מיר מוזן האלטן אלע חומרות וואס זענען שייך ווען עס קומט צו אהיימברענגען עסן פאר אונזערע משפחות. "די בעסטע הכשר איז די מאמע'ס קאכן," ד"ה מען זאל ווי ווייניגער זיך פארלאזן אויף הכשרים פון מענטשן וואס מען קענט נישט. דורך דעם וועט מען זוכה זיין אי"ה צו די ברכה "שמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה'..." ד"ה, דורך דעם וועלן מיר האבן א רוחניותדיגע הנאה פון דעם שפייז. יעצט לאמיר ענדיגן אונזער מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין צו היטן כשרות ווי עס דארף צו זיין.

דער גענעראל האט ארויסגענומען א בריוו פונעם קייסער און ער האט עס אנגעהויבן צו ליינען הויך: "וועגן דעם סאלדאט דויטש נאמבער 657487 וואס האט געשריבן צו מיר וועגן זיין שוועריגקייט וואס ער האט געהאט לעצטענס צוליב זיין מדקדק זיין צו עסן נאר כשר'ע עסן... איז מיין בעפעל אזוי: ערשטענס, מוז מען צושטעלן כשר'ע עסן פאר אים אין דעם מיליטערישע לאגער וואו ער געפינט זיך יעצט. צווייטענס, אויב עס איז נישט דא צו פארשאפן כשר'ע עסן יעצט וואו ער איז, מוז מען גיין זוכן פאר אים. דריטענס, אויב דאס איז נישט מעגליך, מוז מען אריבערשיקן דעם סאלדאט דויטש צו אן אנדערען טייל פונעם ארמיי וואו ער וועט יא קענען באקומען דעם עסן וואס ער דארף..."

דער איד אויפן באן האט געענדיגט דערציילן דעם מעשה צו ר' שלום מיט א שמייכל. כאטש אפילו אז זיין גאנצע משפחה איז לײדער אויסגעהרגעט געווארן אין די צווייטע וועלט מלחמה, איז דער איד געבליבן אידיש אפשר דורך זיין טאטע'ס מסירות נפש פאר כשר'ע עסן אסאך יארן פריער. **גוט שבת אלע אידן.**